STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01966

VOLKNS VILN VEYNEN

Rachel Krampf

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר ח ל   ק ר א מ ף

✶

וואָלקנס ווילן וויינען

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
תל-אביב, תשל״ג — 1973

רחל קראַנץ

וואָלקנס ווילן וויינען



RACHEL KRAMPF
WOLKNS WILN WEYNEN

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

רחל קראַמף
וואָלקנס ווילן וויינען

צייכענונגען פון תמי ספּיר

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 36, תל־אביב

נדפס בישראל תשל״ג
Printed in Israel 1973

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טלפון 32062

אינהאַלט

דיר

9 איך וואָרט אויף דיר
11 פאַר דיר
12 אַ וואָרט
13 אָן דיר
14 אָפּגעגאָרט
17 פרייד פון אַ מאָרגן־שעה
18 אַ פאָרגעפיל

בענקשאַפט

21 בענקשאַפט
22 ס׳בענקט זיך
23 אַ פויגל אויפן דאַך
24 מידקייט
25 דער פיש אין וואַסער

פון אַמאָל

29 פון אַמאָל
31 גליק
32 געחלומט

תפילה

37 פאַר לבנה אַ ברכה
40 אין די הויכן פאַרפלויגן
43 מיטן אַסטראָנאַוט
46 אויפן הימל
48 דיין ליד
51 די תחינה

טרויעריק

57 טרויעריק
59 מיר ווילן פאַרגעסן
60 פאַרצווייפלונג
61 אין מיטן נאַכט

65 פון דער טיף
67 אין יענעם היינט

דער מאַמען

73 דער מאַמען
75 די ערשטע טריט
77 נישט זען און נישט הערן
78 גרויס און קליין
79 אין דער פינצטער

דורך די קראַטעס

83 צו רייזע פּאָלאַטניק
86 האָפנונג
88 די באַגעגעניש מיט אייביקייט
92 אַ בריוו קיין סיביר

די שטאָט

99 די שטאָט
101 קיין ירושלים
105 צפת — לאר״י הקדוש
108 תל־אביב

נישט פאַרגעסן

113 אַ קראַנק האַרץ זאָגט
114 דאָס געבעט פון אַ קראַנקן
116 אַ פּאָר בלומען פאַר דיר
119 פאַרשפּילן דעם ווייטאָג

מינכען

123 די ידיעה פון מינכען
125 שוואַרץ פון מינכען
130 די מאַסקע פון וועלט
132 אויף יענער ערד
134 נאָכן מאָרד

דיר

איך וואַרט אויף דיר

קום מיין טייערער
צו מיר,
איך וואַרט
ביי מיין טיר,
איך גיי דיר אַנטקעגן.

איך ווייס,
אַז ווילדע קרייטער
זענען צעשיט אויף די וועגן,
נאָרביידע צוזאַמען
וועלן מיר אַריבערשפּאַנען
די וועגן פאַרשיטע
מיט סמען.

היינט האָב איך מיין טאָג
אַוועקגעשיקט צום ברעג
פון דער נאַכט,
זאָלן זיי ביידע צוזאַמען
שטיין אויף דער וואַך,
היטן דיינע טריט;
איך גיי מיט זיי
מיט.

דער רוקן פון פינצטער
טראָגט מיינע טריט
אויף די וועגן
צו דיר.
איך אָטעם מיטן ציטער
פון האָפנונג
און פרייד
צו טרעפן אַ שפּאַלט
פון אַ טיר,
מיר זאָלן קענען אַהין
אַריין
און בלייבן צוזאַמען
מיט אונדזער אַמאָליקן
זיין.

פֿאַר דיר

װען מײַן װײטאָג
הױבט אָן װײ טאָן
מער און מער
פֿאַלט די נאַכט
מיר אױפֿן בעט אַרױף
און פּרעסט מײַן גוף
װי מיט אַ הױפֿן שטײנער
שװער; —

די נאַכט איז מיד,
זי קאָן שױן
זיך נישט האַלטן מער.

בעט איך
און איך בענטש:
זאָל דער װײטאָג
בלײַבן דאָ
מיט מיר —
נישט דערנענטערן
חלילה —
זיך צו דיר.

אַ וואָרט

מ׳מעג
איז אַ וואָרט,
מ׳טאָר נישט
אויך
אַ וואָרט.

ביידע צוזאַמען,
וואָרט מיט וואָרט; —
סך־הכל
איז גאָר־נישט —
אָן וואָג
און אָן אָרט.

אָן דיר

ס׳טרעפט אַמאָל
איך וויל קלערן
סתם,
סתם קלערן
וועגן זיך, —
דערזע איך דיך.

ווייל איך דווקא
קלערן וועגן
זיך אַליין,
דערפיל איך
פּלוצים;
ווי שווער
ס׳איז
אָן דיר
צו זיין.

אָפּגענאַרט

איצטער קאָן איך נישט קומען,
מיין פריינד,
ס'איז פינצטער אַרום און אַרום;
פאַר טאָג האָט געעפנט מיין טיר
גאָרנישט קיין פשוטער היינט
און שלעפּט מיך,
און שלעפּט מיך,
מיט זיך ווו ער גייט.

דיין הויז
גייט אויך מיר פאַרביי,
איך זע דיך,
דו קוקסט פון דאָרטן אַרויס;
איך זע דיך
אין ווינקל זיצן
דאָרט איינער אַליין,
איך גיי צו דיר,
נאָר איך קאָן אהין
נישט אַריין.

דיין טיר
פונקט ווי מיינע

ענג איז פאַרשפּאַרט;
שווער זיך צו דרייען
אַרום און אַריין.
מ'האָט אונדז
ווי קינדערלעך קליינע
פאַרנאַרט,
געזאָגט: —
אַנדערש קאָן שוין נישט זיין.

מ'האָט אונדז געזאָגט:
אויף אַלע וועגן
גייט געפאַר אַנטקעגן —
טויזנטער שדים
האָבן אַ באַל זיך געמאַכט,
זיי ווילן דאָס מאָל
פאַרברענגען
זייער שדישע נאַכט.

קאָן איך, מיין פריינד,
היינט נישט קומען צו דיר,
פאַרלוירן דעם שליסל
פון דער אייגענער טיר.



פרייד פון אַ מאָרגן-שעה

אויף מיין קאָפּ
איז הענגען געבליבן
די ראַנד פון
דער נאַכט ;
דערזעט דאָס
דער טאָג
לאַכט ער אויפן קול
זיך פאַנאַנדער,
לאַכט און לאַכט.

האָט איצט די זון
איר זוניקן גלאַנץ
אויף מיין באַלקן
צעשפּרייט
און מיט איר פּענדזל
געצייכנט
סמנים פון פרייד.
— — — —

אַ פּאָרגעפיל

איינע אַליין
גיי איך נאָך דיינע טריט;
איך נעם קיינעם נישט מיט,
נאָר די שרעק
וואָס קלאַפּט מיר אין האַרצן
גייט מיר נאָך
טריט ביי טריט.

איך גיי —
גראָד אויס
איך ווענד נישט דעם קאָפּ
אויף צוריק,
צו וואָס פריער דערזען
וואָס ס׳קאָן שפּעטער געשען.

בענקשאפט

בענקשאַפט

איך בענק נאָך בענקעניש
אָן הענט,
אָן פּים,
אָן קאָפּ,
אָן קיינעם נישט; —
איך בענק
נאָך בענקעניש
און מער נאָך קיינעם נישט.

די ווייטקייט —
איך קאָן זי נישט,
די הויכקייט —
איך זע זי נישט,
דאָס ליכט
וואָס אין פינצטערניש
ברענגט נאַקעטע טעג;
— — — — —
זיי זוכן אַ שיין
פון פאַרלוירענעם וועג.

ס׳בענקט זיך

דאָס פויגעלע בענקט
צו דער מאַמען,
די מאַמע בענקט
צו איר קינד;
איך בענק
נאָך דער מאַמען,
איך בענק
נאָך מיין קינד.

די מאַמע
איז געווען,
זי וועט מער נישט זיין;
מיין קינד
איז פאַרשוואונדן
אין די טיפן
פון ווערן
און וועט קיין מאָל —
קיין מאָל
מיין אייגנס
נישט זיין.

אַ פויגל אויפן דאַך

אַ פויגעלע אַ קליינס
זינגט אַ ניגון אויפן דאַך;
דיין ניגון איז אויך מיין,
רייד איך מיטן פויגעלע און לאַך.

פון וואַנען קומסטו,
פויגעלע קליינס,
און ווער האָט עס
אויף דיר אויסגעגאָסן
אַזאַ גרויסע מאָס מיט חן?

ענטפערט דאָס פויגעלע
מיטן גלאַנץ פון
צוויי גלאַנצנדיקע אויגן,
און ס׳שפיגלט זיך אין זיי
דאָס ליכט פון
פאַרבנדיקן רעגנבויגן.

מידקייט

די שעה פון
שפּעט ביי נאַכט
גייט אויף האַלצערנע
קנאַפּל.
קלאַפּט זי
אין די אויערן,
וואָס ווילן נישט
שלאָפן;

הער איך די טענות
פון די אויגן,
הער איך די טענות
פון קאָפּ; —
לויף איך
פון בעט אַראָפּ;
נאָר די פיס, —
האָבן מורא —
זיי וועלן אין די אָרעמס
פון דער פינצטערניש
אַריין
און וועלן מוזן דאָרטן
בלייבן שטיין.

דער פיש אין וואסער

דאָס וואַסער ווייסט
צו דערציילן פון נסים,
דער פיש וויל דערפון
אין גאַנצן נישט וויסן;

ווי אַזוי קאָן דער פיש
באַהאַלטן אין האַרצן
דעם גלויבן,
אַז ער איז קיין מאָל
נישט געפלויגן
ווי ס׳פליען די טויבן.

דער פיש וואַרט
אויפן מאָרגן,
וואָס וועט ברענגען אים פרייד,
ווען ס׳וועט זיך זיין שווייגן
צערײַדן מיט רייד.



ער וועט דאַן פאַר וועלט
אַנטפּלעקן זיין ווײ,
אין גאָטס אויערן
וועט ער געבן
דעם ערשטן געשריי: —

נעם מיך אַרויס
פון שטענדיקן וואַסער
ס׳איז נמאס
דאָס זיין אייביק
אַ נאַסער!!
איך וויל אָטעמען
ווי אַלע אָטעמען פריי,
איך וויל זיין טרוקן
אַזוי ווי זיי,
אויפן זאַמד,
אויף ערד,
אַפילו אויף אַ שטיין,
און אַמאָל
אויך פאַרפליען
אין הימל אַריין.

פון אַמאָל

פון אַמאָל

ט׳ באב תשל״ב

מיין היינט האָט זיך —
היינט באַגעגנט
מיט אמאָל;

זיי האָבן זיך ביידע
זייער דערפרייט,
נאָר דער היינט איז געבליבן
שטיין אין אַ זייט —
ווען אַמאָל האָט זיך צערעדט
פון אַלץ —
וואָס געווען;

דער היינט האָט געהערט,
האָט געקלערט,
נאָר גאָר נישט
נישט געזען.

שטרעקט אויס אַמאָל
איצט ביידע הענט
און זאָגט:
אַלץ פון הארצן איז דאָך
אויסבאַהאַלטן

אין די שפּאַלטן
פון דער צייט ;
אמתדיק נאָענט
איז קיין מאָל נישט ווייט.

שלינג איך דעם טעם
פון געוועזן
טראָפּ נאָך טראָפּן
ווי אַ רפואה
צום היילן פאַרשריבן ;
— — — — —
אפשר איז טאַקע פאַר היינט
און אַפילו פאַר מאָרגן
עפּעס נאָך
איבערגעבליבן.

גליק

אפילו —
נאָר אַ בליק
קאָן אויכעט געבן גליק;
אַ בליק
קאָן טיף זיין
ווי דער ים,
אַ בליק קאָן היילן
ווי ס'היילט אַ מאָל אויך סם.

אַ בליק
קאָן שרייען
אָן געשריי,
אַ מאָל אויך שעפּטשען:
מיר זענען איינס
הגם מיר זענען צוויי.

אַ בליק
אין גאַנצן אָן רייד
עפנט אַ מאָל טיפן
פון באַהאַלטענער פרייד.

געחלומט

איך האָב געחלומט
א חלום;
געחלומט,
אַז דו,
דו ביסט
דער חלום!

געחלומט;
— — — — — —
דער חלום
איז מיין,
דער חלום
איז דיין,
און אפשר
גאָר
אַלעמענס וואָר;



איך בין געשטאַנען
אַנטקעגן דיר,
געזען דיך
פּנים אל פּנים —
דו האָסט גערעדט;
אויך צו מיר
האָסטו גערעדט;
די רייד דיינע
האָבן כמעט
די האָר מיר געגלעט.

ביסט געגאַנגען
צו משה רבינו,
צו שלמה,
צו דוד המלך
אַן עצה געהאַלטן
צי זאָלסטו
דעם ים
אָדער
אפשר
דווקא
דעם הימל צעשפּאַלטן;

אַלע גאַסן
האָבן זיך צעקייקלט
מיט פרייד,

גערוויקלט
די מגילה
וואָס איז
צום לייענען
שוין צוגעגרייט.

איך האָב
געקליבן
ווי יאַגעדעס
אין וואַלד
אות נאָך אות
וואָס איז
ווי די אייביקייט
אַלט.

געפלאָכטן
אות
מיט אות,
וואָרט
מיט וואָרט —
אַ קרענצל פאַר דיר;
צו פאַרשרייבן
אויף אייביק
דיין נאָמען
אויף פאַרמעט פאַפיר.

תפילה



פאַר לבנה אַ ברכה

איך בענטש די לבנה
ווי מיין זיידע האָט
אַ יעדן חודש זי געבענטשט;

די לבנה איז היינט
שוין נישט אַזוי הויך
ווי זי איז אַמאָל געווען,
היינט האָב איך דאָרטן
אפילו אַ מענטשן שפּאַצירן געזען.

נאָר די שיינקייט אירע
איז פאַרבליבן
ווי געווען;
האָב איך טאַקע ליב
די שיין פון אירע נעכט;
האָב איך ליב
ביי איר
די נעכט צו זען.

די שיין פון אירע נעכט
ווי סאַמעט ווייך און גלאַט,

טריפט זי אויף מיר פרישקייט
ווי ס'טריפן
טראָפּנס ראָסע
אויף אַ פריש
צעבליטן בלאַט.

פון לבנה
שטראַלט נישט די שיין
מיט שטראַלן פון היץ
איר שיין
שרעקט נישט
ווי ס'שרעקט
דער שטראַל פון אַ בליץ.

זי שיינט מיט דער שיינקייט
פון שיין;
גאָט אַליין
האָט געשטעלט זי
אין דער ריי
מיט דער ליכטיקייט
פון יענער נאַכט
אויפן באַרג סיני.

בענטש איך די לבנה
ווי מיין זיידע
האָט אַ יעדן חודש
זי געבענטשט:
— — — — —
— — — — —
זאָל דער מענטש
חס וחלילה
נישט ברענגען
מיט זיך
אַ פלעק אויף איר הויט
פון זיינע פאַרבלוטיקטע שיך...

אין די הויכן פאַרפלויגן

אויפן קאָפּ פון מיין נאַכט
האָט אַן אָדלער
זיינע פליגל צעשפּרייט,
צום פליען זיך צוגעגרייט;
מיך אויף זיין רוקן אַרויפגעזעצט
אין ביידע צוזאַמען
אין פלי זיך צעהעצט.

אַ ווייטקייט
פאַרפאַרבט אין ראָזעווע בלאָ
האָט מיט קדושה
צום ים זיך געבוקט,
פון דאָרטן
אויף אונדז ביידן
פאַרוווּנדערט געקוקט.

אונדזער פלי אין די הויכן
איז גאָט צו דערגרייכן,
דאָרט אים באַווייזן
פון נסים די גרייזן;

דאָרט אים דערציילן
פון טויזנטער מיילן
וואָס שפּייען מיט פייער
אויף מאַמעשע הענט,
וואָס דריקן צום האַרצן
דאָס קעפּל פון קינד,
וואָס איז שוין
פאַרברענט.

פליען מיר העכער
און העכער,
מיר זעען שוין מער נישט
די אייגענע דעכער;

נאָר פּלוצים
האָט דער פלי זיך צעהוידעט
ווי אַ צווייג אויפן בוים
ווען ס׳צעבלאָזט זיינע בלעטער
אַ האַרבסטיקער ווינט;
איך האָב זיך צעוויינט
ווי אַ פּיצעלע קינד,

די אויגן פון אָדלער
פאַרגאָסן מיט טרערן, —
טאָמער חלילה
— — — — —
רייסט אוים איצט
דער סוף
די לעצטע וואָרצלען
פונעם אייביקן ווערן...

מיטן אַסטראָנאַוט

דאָס קישן האָט
אין מיטן נאַכט
אונטער מיין קאָפּ זיך צעוויינט,
פון שלאָף מיך אויפגעוועקט
איך זאָל אַרויסגיין פון מיין בעט
זיך אויפהענגען אויפן וואָגן
פון אַסטראָנאַוט
וואָס פליט אַרויף צו גאָט,
ער זאָל די בייזע ווינטן
ווייט פון אונדז פאַריאָגן.

הער איך ווי עמעץ קלאַפּט
אין מיין וואַנט,
איך האָרך,
איך הער —
מ׳קלאַפּט אויך אין מיין טיר.
שרעק איך זיך,
איך ציטער...
זאָל איך פרעגן,
צי קלאַפּט מען טאַקע
דאָס צו מיר?

פלי איך
מיטן אַסטראָנאַוט; —
מיר פליען ביידע צוזאַמען
אַלץ העכער און העכער;
איך זע נישט מיין בעט,
איך זע שוין נישט אַפילו
קיין שפּיץ פון די דעכער.

לבנה און שטערן
אַרום און אַרום,
איך וויל דערהערן
דעם ווידערקול פון נס,
נאָר דער נס איז געבליבן שטום;

וואַרט איך, —
אפשר וועט אַ שטיין
אַ ריר טאָן זיך
סתם פון זיך אַליין
און איך וועל דערזען
פון שכינה די שיין.

דערזע איך פון ווייטן
אַ שימער...
אַזוי ווי אַ פינטעלע קליין; —

קוק איך פאַרגאַפּט,
און זע...
דאָס איז פּשוט
אַ שטיקל פון מיין וואַנט,
אָפּגעהאַקט מיט ווינט;

דער ווינט איז פּונקט
ווי געווען,
מיט פליען? —
גאָרנישט געשען!!!
— — — — —
דער ווינט ברעכט בוימער,
הייזער,
דער זייגער קלאַפּט יעדע שעה, —
ער האָט נאָר אָנגעווווירן
איצט זיין ווייזער,
פאַרלוירן דעם וועג
צום דערלייזער.

אויפן הימל

אויפן הימל שטייט אַ בוים
פול צעבליט מיט שטערן,
ווילן מיר די בלעטלעך
זיינע זען
ווילן מיר דעם לשון זיינעם
הערן.

שיקן מיר צו אים ראַקעטן,
שיקן מיר צו אים שטאַפּעטן,
ברענגען זיי אונדז
שעה'ן שטומע,
שטערן־שטיינער שווייגנדיק
ווי בלומען.

ווילן מיר דאָך
בשורות נייע הערן,
אפשר קענען געטער
אויכעט מענטשן ווערן;

אפשר וועט דער מענטש
דערגרייכן ביז צו גאָט,
אפשר וועט ער דאָך פון ווייט
דערהערן כאָטש

— — — — —

דעם ווידערקול
פון גאָטס געבאָט.

דיין ליד

ביז היינט
האָב איך
דיין ליד
נאָך נישט געשריבן;

האָסט אין מיטן וועג
מיך געלאָזן שטיין,
נישט געזאָגט מיר
וואָס איך טאָר נישט,
נישט געזאָגט אויך
וואָס איך מעג.

קיין טיש
איז נישט געווען
קיין טינט און פעדער
האָב איך אויכעט
נישט געהאַט.
בלויז אַ סימן
איז געווען —
אַ סימן
פון אַ פייגנבלאַט.

איז וואָס
קאָן אויף אַ פּייגנבלאַט
ווערן אָנגעשריבן,
אפילו
    דער נאָמען דיינער
איז אויך שוין
    אָפּגעריבן.

האָף איך
און איך וואַרט
    אויף גלויבן —
אַז דו וועסט
    דעם סוף
פון סניי אָנהויבן.



די תחינה

גאָט פון אברהם, פון יצחק
און פון נאָך און נאָך...
איך וויל דיך דערמאָנען
אַז מיין מאַמע האָט געהאַט
אַ מאַמע;

יעדן ראש חודש האָט זי
דיין נאָמען געלויבט,
אין דיין הייליקן נאָמען
האָט זי
אויף אַן אמת געגלויבט.

היינט,
ווען איך האָב געלופטערט
דאָס ספרים־שענקל
איז אין ווינקל אַ בענטשערל
געלעגן,
אַ בענטשערל מיט טעוועלעך
גרינע;
איך הויב דאָס אויף
פון דאָרט,

און פלוצים רינט אויף
מיינע הענט
אַ טרער נאָך אַ טרער

— — — — —

איך קוק,
טרערן פון בענטשערל
רינען.
בעט איך ביי גאָט
מיר פאַרטייטשן
דעם סוד,
איך אַליין
קאָן נישט פאַרשטיין;
רינען טרערן
אַזויפיל יאָרן
אין דעם זעלבן בענטשערל
אַריין?

בעט איך מיין באָבעס
געבעט,
זאָל די שעה חלילה
נישט ווערן צו שפּעט; —
דו אַליין
קלייב די טרערן צענויף,
צעשיט זיי פאַנאַנדער
אויף דער גאַנצער וועלט.

טריף אין יעדנס האַרצן
אַ פּאָר טראָפּן אריין;
ווען אפשר די וועלט
דאַן —
אַז אַנדערע זיין;

אפשר וועלן מענטשן
אָנהויבן בענטשן
יעדער דעם אַנדערנס
טריט,
דו וועסט ווידער ווערן
געלויבט,
און איך וועל קענען פאַרשטיין
זיך אַליין
און גלויבן אין אַלץ, וואָס
איך גלויב.

טרויעריק

טרויעריק

דער הימל האָט אָנגעטאָן
אַ שוואַרצע פאַטשיילע
אויף זיין קאָפּ,
ער בויגט זיך נידעריק
צו מיר אַראָפּ
און פרעגט: —
פאַר וואָס איך וויין.

איך וויין דאָך נישט
מיט טרערן,
ווי אַזוי זשע
קאָן דער הימל הערן;
איך וויין דאָך נאָר
אין זיך אַריין —
ווער זשע קאָן פאַרשטיין
אַזאַ מין סאָרט געוויין?

אָטעם איך
מיט ווײ
פֿון אַלע וווּנדן
אין הענט און פֿיס,
צו קייטן צוגעבונדן,
אַנטקעגן גאָטס
אָפֿענעם פֿענצטער
אָן אַ קרעכץ
פֿון הימל-געשרײ.

מיר ווילן פאַרגעסן

מיר ווילן פאַרגעסן
וואָס ס'איז
נישט ליב,
מיר ווילן פאַרגעסן
וואָס אונדז
באַטריבט,

מיר ווילן פאַרגעסן
געזעצן פון
אייביקייט,
מיר ווילן פאַרגעסן
אַז קיום מוז ווערן
באַנייט,

מיר ווילן פאַרגעסן
פון צער
דעם קלעם,
מיר ווילן פאַרגעסן
דעם סוד
אינעם ניגון
פון וועלטבאַנעם.

פאַרצווייפלונג

איך האָב פאַרגעסן
ווי איך הייס,
איך האָב פאַרגעסן
וואָס איך ווייס;

איך גיי אַרום
אין ערגעץ נישט,
אַלץ אין מיר,
און אַלץ אַרום
גייט מיט
בלינד און שטום.

אין מיטן נאַכט

דער זייגער שלאָגט,
דער זייגער שלאָגט ;
— — — — —
— — — — —
דער זייגער שלאָגט און שלאָגט
ס׳איז נאָך אַלץ נישט טאָג.

דער טאָג איילט זיך נישט
אַהערצוקומען ;
די נאַכט האָט אים
צו זיך אין שוים גענומען
און מיט אַ ווונק
פון אַ גאָלדענעם פונק
צו זיך אַריינגענאַרט,
זיין קאָפּ —
צו אירן צוגעשפּאַרט,
איר פינצטערניש
צעשיט איבער וועלט,
די אויגן פון טאָג
מיט איר שלייער פאַרשטעלט.

צייל איך מיטן זייגער
שעה נאָך שעה,
דער טאָג — —
איז אַלץ נישטאָ;
פרעגט אין דער פינצטער
מיין בעט:
ס'איז פרי,
צי שפעט?

פאַרן טאָג —
איז צו פרי,
פאַר דער נאַכט
איז שפעט,
זע איך אין דער פינצטער
דעם ענטפער
וואָס שמועסט מיט בעט.

הויבט מיין קאָפּ זיך אויף
פונעם ליגן נאָכאַנאַנד,
דערזע איך
אַ שאָטן שפּאַצירט
אויף מיין וואַנט;

קוקט מיך אָן די וואַנט
מיט צוויי אויגן —
דערשראָקן — —
ס׳איז איר אין האַרצן
אַ פּחד אַריין,
דער שאָטן האָט מורא
פאַרן אייגענעם אַליין.

איבער אונדז אַלעמען
שפּרינגען אַריבער
צוויי שטערן —
ביידע צעטומלט;
זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט
אויפן וועג אַנומלט,
זיי קאָנען שוין מער נישט
געפינען דעם וועג
צוריק צו זיך,
לויפן זיי —
ווי שטערן לויפן גיך.

לויפן זיי ביידע
די שטערן,
זיי יאָגן איינער דעם צווייטן;
און איך טראַכט:
ווילן זיי זיך איבעריאָגן,
אָדער יעדער פון זיי
וויל זיין אייגן אָרט
אויפן אַנדערנס פאַרבייטן.

פון דער טיף

איך האָב היינט געזען
אַן אַלטיטשקנס געוויין,
אין אַ קנייטש פון פּנים
זיינעם
איז אַ טרער געבליבן
שטיין; —
ביז דער ווייסער באָרד
שוין ניט געקאָנט
דערגיין.

רייד —
וואָס האָבן שוין פון לאַנג
זיך צוגעגרייט
דער וועלט צו זאָגן אַלץ,
זענען אויך געבליבן
ערגעץ ווו
אין מיטן האַלדז.

האָט דער אַלטיטשקער
פּאַמעלעך
אויפגעהויבן איצט זיין האַנט
וואָס איז ווי אַ מאַפּע

בלאָ געשטראָכן
אויף אַ געל געוואַנט;
— — — — —
האָט זיין גאַנצער גוף
זיך איצט צעציטערט
ווי די טרער
און ווי זיין האַנט.

וויי, וויי
רעדט ער ווי דער ציטער —
וויי, וויי — צו דער וועלט;
די פּאַטשיילע
פון טוריאַ־דור
האָט דאָס ליכט
פון גאָטס פּנים
פאַרשטעלט
און אין צענטער פון היכל
אַ גרוילעכע מאַסקע
צום שרעקן אַוועקגעשטעלט.

איך האָב היינט געזען
אַן אַלטיטשקנס
געוויין, —
וואָס קומט פון הארץ
און פאַלט צוריק
אין הארץ אריין.

אין יענעם היינט

פאר נ. ג.

פריינד, מיין פריינד,
צי איז היינט
טאקע היינט,
מיט זיין רגע,
מיט זיין שעה,
ווי יעדער היינט פון אלע מאָל ?
— — — — —
ווי קאָן דען היינט
זיין אזוי
ווי יעדער היינט
ווען זיין הארץ אין אים
וויינט,
דער הימל איבער אים
איז שוין מער נישט בלאָ,
זיין טאָג איז מיד
און גראָ,
ווי דער בליק פון די אויגן
וואָס קוקן אויפן נישטאָ.

איך
האָב זיך אונטער די וואָלקנס
פאַרשטעלט,
נישט געוואָלט קוקן
אין פּנים פון
וועלט ;
הינטערן רוקן פון וואָלקן
האָב איך זיך באַהאַלטן
נישט צו זען דאָס ליכט
דורך די שפּאַלטן
פון טאָג,
ווייל ער זאָגט —
וואָס ער זאָגט.

— — — — —

דו האָסט געעפנט
די טויערן פון אייביקייט
און ביסט אַהין אַריין...

— — — — —

דער הימל
האָט זיך אויף מיין קאָפּ
אַוועקגעלייגט
און טריפט טראָפּ

נאָך טראָפּן
טרערן
פון דיין טעכטערלס געוויין;
אַלע אירע טרערן
פאַלן מיר אין האַרץ
אַריין
און דאָרט...
וואַרגט
דיין לעצטער קרעכץ
פון נישט דערזאָגטן
וואָרט.

אין גאַס
באַגעגן איך
דיך
אויף יעדן טריט,
דו גייסט פּשוט
מיט מיר מיט;

אַ מאָל אויך טרעפט
דו קומסט מיר ממש
אַנטקעגן,

װיל איך דיך
עפּעס פרעגן,
נאָר פלוצים
װער איך אױפגעטרייסלט
פון אַ מאָדנעם
װיי —
אַ װיי מיט אַ ציטער
װי דער װייטאָג פון
אױג
װען ס'פאַלט אַרײַן
אין אים
אַ גליִענדיקער שפּליטער.
— — — — —

דער מאַכמען

דער מאַמען

מאַמע מיינע,
לייען דעם בריוו
ווי דיין שטייגער איז
ביים לייענען;
אָפּגעלייענט אַ שורה,
אָנגעהויבן וויינען,
נאָך אַ שורה אָפּגעלייענט
ווידער זיך צעוויינט;

דער קוואַל פון טרערן
איז געטריי דיר אין לייד,
איז געטריי דיר אין פרייד,
וועסט לייענען דעם בריוו
ביז צום סוף;
האָסטו פאַרשטאַנען
דעם רוב
וואָס איך האָב דיר צו שרייבן.

דיין אייגן געוויין
וועט דיר געבן צו פֿאַרשטיין
מער ווי אַן אות,
מער ווי אַ וואָרט
וואָס זוכט אין רייד
פֿאַר זיך אַן אָרט
צו קענעזריידן
און ריידן
און קיין מאָל זיך נישט
דערריידן.

די ערשטע טריט

די ערשטע טריט,
זיי
וואַקלען זיך;
גייט די מאַמע נאָך
און לאַכט
„דו גייסט, מיין קינד,
שוין גיך".

שטרעקט די מאַמע
אירע הענט
אויפצוהויבן פרייד
צו זיך
„דו ביסט מיין טייערס
ווערט שוין שיך".

פּעטשלען פריילעך
מאַמעס הענט,
פּעטשלען נאָך אַ נאַנד;
רימט די מאַמע
מיט אַ ברכה
„קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד".

פיסלעך קליינע
פלוצים איינגעבויגן
פאַלן אינעם גיין
גלאַנצט אַ טרער
אין מאַמעס אויגן
„קינד מיינס —
איז דאָס שיין?"

נישט זען און נישט הערן

מיר פאַרמאַכן די אויגן
נישט צו זען
דאָס ליכט פון טאָג;

אין די אָדערן פון טאָג
שטראָמט די פינצטערניש
פון נאַכט;

זי האָט צו די ברעגעס
פון טאָג
אויף די נעגל
איר שרעק צוגעבראַכט.

מיר פאַרשטאָפּן די אויערן
נישט צו הערן
דעם שאָרך פון לעבן,
דאָרט אָטעמט דער טויט;

ער זוכט אונדזער גוף
פאַר זיינע סמען
אין אים צו פאַרוועבן.

גרויס און קליין

קליינע קינדער
שפּילן זיך
און גרויסע לאַכן.

גרויסע שפּילן זיך
זיי מיינען —
עפּעס וואָס צו מאַכן...

אין דער פינצטער

אין דער פינצטער
צו קענען זען
מוז מען
די אויגן פאַרמאַכן ;
מ'מוז די פינצטערניש
פינצטערער מאַכן.

דורך די קראַטעס



צו רייזע פּאַלאַטניק

איך האָב אַ שפּיגעלע
אַ קליינס;
אַ קליינטשיק שפּיגעלע,
זעט מען דאָרט
די וועלט אויף וואָר.
קוק איך אין דעם שפּיגעלע
אַריין —
זע איך דאָרטן
זילבערן זיך דיינע האָר.

איך זע אויך
אויגן דיינע,
ווי צוויי ליכט
אין פלאַמען
אַנטקעגן אותיות
אין תפילה־סידור
פון אונדזער
מאַמעס מאַמע.

דו ביסט גרויס
ווי גרויס ס'איז דיין
באַגער,
איך ראַנגל זיך
אין אונדזער צער
ווי ס'ראַנגלט זיך
אין ווײי
די טרער.

איך וואַרט
אויף דיר
ווי דער געבורט־ווײי
וואַרט אויפן אָנקום
דעם נייעם;
איך לעכץ
שוין צו הערן
פון פרייד
אונדזערע געשרייען.

איך לעכץ
דיך צו זען,
דיין שוועסטער
בין איך
ווי דו ביסט עם
מיר ;
טויזנטער יאָרן
זוכן מיר דאָך
ביידע
פון דער היים
אונדזער טיר ;
נאָר דאָ אויפן וועג
האָב איך
די מזוזה געפונען —
הענג איך זי אויף
אַ סימן פאַר דיר.

תל־אביב, 4/4 1971

האָפֿנונג

ס'זינגט דער רויטער דאַך
א ניגון
פֿאַרן פֿויגעלע וואָס וויל
א ביסעלע זיך וויגן, —
מיד פֿון ווייטן
וועג...

איך קום איצט פֿון
א לאַנד,
וואָס אין זיין הארצן
ברענט א קעלט,
בייסט מען דאָרטן
גרויסע שטיקער
שטיקער פֿון דער גאַנצער
וועלט.

אַלץ איז דאָרטן
ברייט און גרויס ;
אויערן האָט אַ יעדעס
הויז.

מ׳קאָוועט דאָרטן נייע
קייטן —
נאָר דעם ניגון וועלן מיר
אויך דאָרט נישט בייטן.

דער ניגון איז דער אייגענער
פון תמיד אָן
אין אַלטן בבל,
אין ספרד,
מיר האָבן אומעטום
אים אויסגעזונגען,
אַפילו אינעם לאַנד פון
ניבעלונגען.

האָב איך דעם ניגון
אויסבאַהאַלטן
אין די פעדערן אין מיינע;
נאָר דעם סוד נישט
אויסגעזאָגט
פאַר קיינעם,
אַז נאָך מיטן נאַכט
פון הושענא רבה
וועט אַ מאָל דער ניגון
אויך דעם הימל
שפּאַלטן.

די באַגעגעניש מיט אייביקייט

איך געדענק נאָך גוט
דעם הויכן באַרג;
זיין קאָפּ ליגט
צופוסנס דעם הימל,
ביידע האָבן מיר
צום ערשטן מאָל
זיך דאָן באַגעגנט,
ס'האָט געדונערט
געבליצט און גערעגנט.

אַן עולם אַ גרויסער
איז דאָרטן געווען
און צווישן אַלעמען
האָבן מיר זיך ביידע דערזען;
מיר האָבן פון ווייטן
זיך איבערגעקוקט,
דו האָסט מיט אַ שמייכל
צו מיר זיך געבוקט,
און ביידע האָבן מיר שווייגנדיק
זיך איינגעהערט
און איינגעקוקט
צו דעם גאַנצן אַרום.

איך האָב די אויגן מיינע
אָוועקגעשיקט אין שליחות שטום
צו זען דעם אָנקום פון באַגין;
שטערנזעערקע,
האָסטו מיך גערופן
מיט אַ געלעכטער —
וואָס קוקסטו אַזוי מיט אויגן
פון אַ וועכטער?

ווילסטו דווקא אויספאָרשן
פון בראשית דעם זין?
די צייט האָט צייט אַ סך
ווערסטו נאָך זען דאָס פייער
פון הימל,
און אויף דער ערד — די ערד
וואָס איז געבליבן אָן אַ דאַך.

זענען יאָרן זיך צעלאָפן
ווי ס'לויפט אַ יאָר נאָך אַ יאָר;
אויפן לאַנגן וועג
האָב איך פאַרלוירן דיינע טריט;
— — — — —
ווען דער ים האָט זיך צעשפּאָלטן
פונקט אין דער מיט —

זענען מיר געלאָפן
אויף וועגן אַלערליי;
דו ביסט אַוועקגעלאָפן
מיט זיי,
און איך בין געבליבן
איינע אַליין;
געבליבן אויפן אָרט
צו היטן אונדזער אייביקן זיין.

איצטער זוך איך דיך אַרום —
איך זוך דיך ביי טאָג,
איך זוך דיך ביי נאַכט;
איך הער ווי דער שכן מיינער
לאַכט
ער לאַכט פון מיר,
ער לאַכט פון דיר,
ער קאָן נישט פאַרשטיין
ווי אַזוי בענקט מען
אָן אויפהער
נאָך אַן אַלטער היים,
און ווי אַזוי גאַרט מען
זיך זען, —
מיט וועמען מ׳איז
קיין מאָל
צוזאַמען נישט געוועז.

שלינג איך טרערן
פון דיינע טאַנצנדיקע
פּים
אין ראָד פון שמחת-תורה;
אַזוי ווי דו
פרעג איך ביים
בורא:
איז דאָס
סוף-סוף
שוין דער אָנהויב
פונעם סוף???

— — — — —

הייסט עס:
אַז מיר גייען נאָך אַ מאָל
ביידע צוזאַמען
אויפן הויכן באַרג
אַרויף...

אַ בריוו קיין סיביר

טייערער ברודער מיינער,
דעם בליק פון דיינע אויגן
האָב איך אויפגעהאָנגען
אויף דער וואַנט
פון מיין האַרץ.

קוק איך אַריין
אין די אויגן דיינע
זע איך אין זיי
אונדז ביידן;
ס׳האָט זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן
דער בליק פון אונדזער זיידנס זיידן.

דו געדענקסט מסתמא
ווען מיר זענען ביידע
געשטאַנען נאָענט
צו דער עקידה; —
מיר האָבן געזען דאָרט
דעם חלף דעם גרויסן
גרייט שוין צום שניידן;

מיטן גלאַנץ פון זיין שאַרף
זיך איבערגעוואונקען
אַנטקעגן דעם האַלדז
פון אונדזביידן.
אונדזערע אויגן
האָבן די בליקן
צו די הויכן געהויבן,
די ישועה געזוכט
אינעם פלי
פון די טויבן.

יאָרן אַ סך
האָבן וויי טאָג אין האַרצן געטראָגן,
דאָס קרעכצן געהערט
האָבן אויערן פון צייט,
וואָס הערן דעם אָטעם
פון יונגסטן גרעזעלע
ווען ס'שפּראָצט אַרויס
אויף דער פריש צעאַקערטער
בייט.

נאָר דאָ נעכטן
האָבן מיר זיך
נאָך אַ מאָל באַגעגנט

אַנטקעגן פייערדיקן
פלאַם,
וואָס האָט געוועט זיך
מיט גיהנום
ווער וועט מער צעשיטן
אין די גלידער פונעם לעבן
פון טויט דעם סם.

איצטער גיי איך
צו דיר
אין די טיפע וועלדער
פון סיביר,
איך וויים, אַז דאָרט
איז זייער הויך
דער שניי;
נאָר איך גיי,
איך גיי מיט דיר צוזאַמען,
איך ברענג מיט אַ פעקעלע
אַ פעקעלע אַ קליינס;
געטרייע הענט האָבן
דאָס פעקעלע פאַרפּאַקט —
די הענט פון דער מאַמען;
די מאַמע דיינע
האָט באַשטימט,

אַז דאָס דאַרף זיין
פאַר אונדז ביידן,
זי זאָגט, דיין מאַמע,
אַז דאָס איז די ירושה
פון אונדזער זיידן.
איך נעם אויך מיט אַהין
אַ הייסן גרוס פון דאַנען,
אויסגעוואַרעמט מיט די ווינטן
פונעם דאָיקן חמסין.

אפשר וועט דער ווינט
דער הייסער
צעשמעלצן דעם קאַלטן שניי
אויף דיין גאַס,
וועסטו זיכער
דאַן דערזען דאָס קישעלע
פון אונטער מיין קאָפּ
וואָס איז יעדן מאָרגן
ווי פון רעגן נאַס.

די שטאט

די שטאָט

גאַסן לאַנגע
גלייכע ווי די ווירעם
לויפן נאָך די רעדער;
רעש און פייפעריי
יאָגן מיט די הייזער;
מענטשן, —
פול מיט מענטשן
איילן זיך
אין געיעג
פון סיי ווי סיי.

אויפן העכסטן דאַך
האָט דערווייל
דער הימל
צוגעשפּאַרט זיך
כאַפּן דאָרט אַ דרימל;
קוקט ער צו
דאָ צום געיעג
מיט געלעכטער
און ער פרעגט:

וואָס דאָס איילעניש
דאָ אַזוי גרויס?
סיי ווי שטייט דאָך
אומעטום
דער וועכטער; —
ער קערעוועט דעם וועג
פאַר דער שעה
פון אַלע טעג.

קיין ירושלים

אויף די וועגן
קיין ירושלים
גייען יידן מיט פעקלעך
זיידעס און באָבעס
אַלע פון אַמאָל,
אַלע, וואָס זענען אַרויס
פון מצרים;

ס׳גייען קינדער
אָן טאַטע־מאַמע,
ס׳גייען טאַטעס, וואָס
האָבן פאַרלוירן
די קינדער
אין אַלערליי ימען.

אַ הויכער ייד מיט אַ באָרד
לאַנג ווי זיין שטעקן,
טראָגט אין די ביינער
דעם מאַרך
פון דער תפילה, —
די תפילה צום וועקן: —

די שעה נישט פאַרזוימען
חלילה,
די איצטיקע שעה, —
וואָס אָטעמט מיט
חלום פון דורות
צו זיין אָט אָ דאָ.

פון ווייטע מרחקים
מיר ציען
צוריק איצט צו דיר,
ירושלים!
מיר בעטן דיין ליבשאַפט
זאָל קומען אויפסניי
אונדז אַנטקעגן;
מיר זענען דיין מאַפּע
געצייכנט מיט די הענט
פון נביאים
צו טרעפן צוריק
צו דיינע אַמאָליקע
וועגן.

דיין חן
האָט געלויכטן
אין די פינצטערע
קאַטאַקאָמבעס

ווי מיר האָבן די תפילה
געשעפּטשעט געהיים,
מיר האָבן דיין נאָמען
אין אַ כשוף-געוועב
איינגעשפּונען ;
אַ געוועב, וואָס פאַרכישופט
מיט בענקשאַפט נאָך
היים.

ירושלים !
דו האָסט זיך באַהאַלטן
אין די קנייטשן פון יאָרן,
וואָס גייען און קומען
פאַר אייביקע דורות ;
ירושלים !
דו האָסט זיך באַהאַלטן
מיט אַלע פּרוכתן
מיט אַלע מנורות
אינעם שאָטן
פון לייכטנדיקע שטעט, —
און גרויסאַרטיקע לענדער,
וואָס ברענען
יאָר איין און יאָר אויס
די טריט פון
די „פרעמדע"...

ירושלים!
דו ביסט אונדז געבליבן
געטריי —
ווי ס׳איז געבליבן געטריי דיר
די וואַנט,
וואָס שטייט אויף דיין באַרג
ווי פון וועגווייזער
די האַנט;

באַהאַלטן זיך דאָרטן
די טרערן
וואָס רינען אָן אויפהער
טויזנטער יאָרן,
ווייל דער דאַך אויף
דיין קאָפּ
איז חרוב געוואָרן.



צפת — לאר״י הקדוש

איך שטיי אין בלוילעכן טאָל
אויפן וועג צו דיין הויכן באַרג
בענקשאַפט קוקט מיט מיר
צו אים אַרויף; —
איך וויל זיך דאָרטן טרעפן
מיט די אויגן פון אין־סוף.

בלייב איך זיצן אונטערן באַרג
ווי אַ בענקעלע אַוועקגעשטעלט
צו דיינע פיס,
איך קוק נאָך אַלץ אַרויף
צום באַרג
און פרעג זיך:
ווער פוןביידן אייך
איז דאָ דער ריז.

מ׳זאָגט:
אַז דער גאַנצער באַרג
איז דיין,
ווייל דו האָסט אַ יעדן פרייטאָג
באַגאָסן אים מיט קדוש־ווינן,
מיט חברותא זיך צעטאַנצט
צו קענען מיט דער מלכה־שבת
פריילעך זיין.

מ׳זאָגט, אַז ווען דו האָסט
צום ערשטן מאָל
די אויגן דיינע אויפגעמאַכט
האָט גאָט פון פרייד
אין מיטן נאַכט
זיך מיט דער זון
ארומגעכאַפּט
און ביידע האָבן
אויפן קול
זיך הויך צעלאַכט.

מ׳זאָגט:
אַז דיין פנים
האָט באַלויכטן שכינה־שיין,
אַז דיין קול האָט אָפּגעהילכט.
פון עק צו עק אויף וועלט,
און ווייל דו ביסט געוועזן
אַזוי שיין
האָט קיינער נישט געקענט
אויף דיין פאַרלאַנג
דיר זאָגן ניין.

מ׳זאָגט:
אַז דו האָסט אַליין
מיט דיינע הענט
אַוועקגעלייגט אָט דאָ
דעם ערשטן שטיין

פאַר דעם מקום קדוש
וואָס דאַרף פאַר תפילה
אייביק אָפן זיין.

אַ סך, אַ סך דעציילט מען
וועגן דיר,
רייד דערציילן אָן אַ שיעור,
נאָר איך קאָן זיך נישט דערקלייבן
ווו איז אמת
און ווו די מעשה הויבט זיך אָן;
וויל איך עפּעס מיר פאַרשרייבן
זוך איך אויפן באַרג דיין פּאָן.

האָב איך שוין
אַלץ וואָס איך ווייס
וועגן דיר דערציילט;
נאָר דעם סוד
פון לויטערקייט אין קוואַל
וואָס פליסט פאַר טבילה דיר
היט איך אָפּ
ווי אַ סגולה פאַר מיר
און אפשר אויך
פאַר דיר.



תל-אביב

מיין ווייסע שטאָט,
דו ביסט ווי
אַ כלה ווייס,
און יונג ביסטו
טאַקע ווי דו הייסט:
תל-אביב.

נישט קיין אַלטע יאָרן
סודען זיך אין דיינע
ווענט,
דו טראָגסט מיט זיך
די ווייסקייט פון די יונגע
הענט,
וואָס האָבן זיך עקשנותדיק
אין דיינע זאַמדן
איינגעגראָבן
פאַר דיר צו בויען ווענט;
אַרום זיי אַרויפגעצויגן
דאַך אויף דאַך
ביז דער ברעג פון ים
איז ווי מיט כישוף

צוגעשווומען צו
זיין כרך.
דו האָסט דאָס פּנים
פונעם ים
פאַרהאַנגען מיט די ווענט
פון הייזער —
איבער נאַכט,
דו האָסט פון מדבר־זאַמדן
אַ נייע וועלט געמאַכט.

איך האָב דיך ליב,
דו ביסט מיין שטאָט,
דו ביסט אין גאַנצן מיין —
אין אַלע גאַסן דיינע
בין איך אין דער היים;
באַגעגן איך ביי דיר
אַ קרוב פון אַמאָל,
פון נעכטן נאָך אַ פריינד
איז ער מיר תמיד
נאָענט ווי דו,
ווי נאָענט ס׳איז מיר
דיין שוועל
פון יעדן היינט.



נישט פארגעסן

אַ קראַנק האַרץ זאָגט

פון אַ קראַנקן האַרץ: —
דאָס לעצטע וואָרט
איז שאַרף
ווי שטאָל
ס'ווערט נישט אָן
קיין מאָל
זיין גלאַנץ;

דאָס לעצטע וואָרט
פון אַ קראַנק האַרץ
איז אייביק
אייביק גאַנץ.

דאָס געבעט פון אַ קראַנקן

איך בעט ביי גאָט:
פאַרקירץ דיינע טעג
פאַרקירץ דיינע נעכט,
פאַרלענגער נאָר
מיינע שעהן פון לעבן,
איך האָב דיין מתנה
נאָך כמעט נישט געזען
קאָן איך זי דערווייל
צוריק דיר נישט געבן.

איך טראָג אין די אָרעמס
די פרוכט פון דיין היינט,
וואָס וואַרט אויפן אָנקום
פון מאָרגן,
נאָר דאָ אויפן וועג
האָט אַ ווייטאָג
אין מיר זי צעקוועטשט.
האָט מיך די טרוקעניש
כמעט שוין דערוואָרגן.

זאַמל איך אין קיישל
די טרוקענע קערנער,
איך וויל מיט די ציין
זיי פּרוּוון צעבייסן,
נאָר אפשר באַהאַלט זיך
אַ רויז צווישן דערנער
וועל איך זי פון דאָרטן
פאַר דיר אַרויסרייסן.

בעט איך ביי גאָט:
פאַרקירץ דיינע טעג,
פאַרקירץ דיינע נעכט,
פאַרלענגער נאָר
מיינע שעהן פון לעבן,
איך האָב דיין מתנה
נאָך כמעט נישט געזען,
קאָן איך זי דערווייל
צוריק דיר נישט געבן.

— — — — —

אַ פּאָר בלומען פאַר דיר

איך האָב דיר היינט
אַ פּאָר בלומען געבראַכט ;
ס׳האָט אַ חלום מיך געוועקט
אַ גאַנצע נאַכט...
אַז דו ביסט איינער אַליין —
אַלץ אַרום איז האַרט
ווי אַן אויסגעסמאָקעטער
צעביסענער ביין ;

דו אַליין
האָסט מיר גאָרנישט
ניעט געזאָגט,
נאָר דער חלום האָט
גערעדט און גערעדט
אָן אויפהער
ביז ס'איז געוואָרן
טאָג ;

שוין זייער אַ סך צייט
אַוועק
זייט דו ביסט
דאָס לעצטע מאָל
געווען ביי מיר
— — — —
נאָר ביז היינט
וויינט מיט בענקעניש
מיין טיר.

בין איך אַרויס פון בעט
צעוויינטאָגט
ווי פונעם ליגן
אויף אַ הארטן
נישט געהובלטן ברעט
וואָס צערייבט די הויט
ביז בלוט ;

— — — — —

א יעדעם גרודקעלע
אַרום דיר
האָב איך
מיט מיינע
אייגענע פינגער
צעריבן,
קיין איינציק שטיינדעלע
וואָס קוועטשט
איז נישט איבערגעבליבן.

צוקאָפּנס
א בוימעלע א קליינס,
אַרום און אַרום
א ביסל גרינס
דיר פאַרפלאַנצט,
פויגעלעך האָבן אין דער הויך
זיך צעהוידעט
ווי אין טאַנץ,
אָנגעהויבן זייערע געזאַנגען
צו זינגען; —
— — — — —
מיר און דיר
איז איצטער געוואָרן
א ביסעלע גרינגער.

פאַרשפּילן דעם ווייטאָג

אַ ווייטאָג
קאָן אויפהערן וויי־טאָן
ווען מ׳ווייסט
ווי אַ קינד
אים פאַרשפּילן;

אַ גאַנג
קאָן אייגענע וועגן
פאַרבייטן
ווען דעם גייער
פעלן די צילן.

מינכען



די ידיעה פון מינכען

די ידיעה
דערהערט,
האָט דאָס בענקל
אונטער מיר
זיך איבערגעקערט,
דער טיש
אויסגעדרייט
מיטן רוקן
פרעגט:
ווילסט נאָך אַלץ
אויף מיר קוקן,
ווי אַזוי איך בין געדעקט
צום עסן, — — — —
איך קאָן אויף קיין רגע
נישט פאַרגעסן, —
רעדט דער טיש
מיט זיין טישיקן געוויין,
היינט מעג דאָס עסן
נישט אַזוי שמעקן ווי
אַלע טאָג,

װען אַ ידיעה
נאָך אַ ידיעה
יאָגט ;
און יעדער פון זיי
טראָגט
אויף די אַקסלען
אַ מת...

דער טיש קוקט מיך
אָן
װי איך עס — — —
— — — — —
ער האָט מורא
אַז אָט באַלד
װער איך דערװאָרגן, —
נאָר ער װײסט נישט
צי
מיטן עסן
צי
מיט זאָרגן.

שוואַרץ פון מינכען

איך דראַפּע זיך,
איך קלעטער מיט די
נעגל אין די הויכן ;
— — — — —
אומרו איז אין גוף
צו מיר אַריין,
און לאָזט מיך נישט
אין ערגעץ
בלייבן שטיין.

וויל איך אויסלעשן
אין זיך
דעם אומרו
ווי מ׳לעשט
אַ לאָמפּ,
ווי ס׳לעשט זיך אויס
אַ ליכט.

בין איך שוין
אַרויפגעדראַפּעט
הויך ;

צו גאָט אין פענצטער
אַנגעקלאַפּט...

גאָט, מיין גאָט,
האָב איך גערופן
מיטן לעצטן טראָפּן
כוח,
הער מיך גאָט!
הער נאָר
וואָס איך פרעג: —
פאַר וואָס
שטעלסטו נישט אַוועק
אַ שומר אויפן וועג,
ווּ רוצחים דרייען זיך
אַרום אויף פריי,
דו קאָנסט אַוודאי
יעדערן פון זיי;

אַלץ איז דאָך דיין,
דער טאַטע,
די מאַמע,
דאָס קינד;
אַפילו דער טאָג
אויך ווען

ער איז פינצטער
ווי די נאַכט;
דו האָסט דאָך
מיט אייגענע הענט
דאָס אַלץ געמאַכט;

פאַר וואָס זשע האָסטו
דווקא דאָס לעבן
אין רוצחישע הענט
אָוועקגעגעבן??!!
דו האָסט דאָך
בפירוש באַפוילן
צו היטן
דאָס אייביקע זיין —
— — — — —
און דו אַליין
קוקסט זיך איין
אין טיפעניש פון
ביטערן געוויין
פונעם
עלנטן אַליין.

פונקט
ווי איך

האָסטו די ברידער
מיינע
בלינד געזען,
איך ווייס נישט
ווער פון זיי
דער ערשטער,
און ווער
דער לעצטער איז געווען;

קיינער האָט אונדז ביידן
דאָרטן נישט געזען
אין יענער פינצטערער
שעה
פון ווילדער נקמה,
וואָס רייסט שטיקער
פון
דיין הייליקן נאָמען
און וואַרפט די שאַנד
דיר אויפן קאָפּ;

איך לאָז צוריק זיך
נידעריק אַראָפּ,
זע איך בלוט —
פון דיין געביין;

ריים איך פון
פינצטערניש
אַ שטיק אַרוים
און וואַרף
דער וועלט
אין פנים אַריין ;

איך שעם זיך
מיט דער וועלט,
איך שעם זיך
מיט מיין זיין — — — —
— — — — —
אַ געלייִמטע
שטיי איך
אויפן אָרט,
דער דאָ איז נישטאָ,
אַוועק אין די
ווייטן
פון אומבאַקאַנטן
אייביקן זיין.

די מאַסקע פון וועלט

איך הער
די מידקייט רעדט און רעדט
מיר אין די אויערן;
זי באַקלאָגט זיך
אויפן גורל
פון דער נאַכט, —
קיינער האָט איר
די רפואה נישט
געבראַכט, —
מ'שענדט זי און
מ'מאַכט איר פינצטערניש
צו שפּאָט,
און צו מאָרגנס
ווען די זון גייט אויף
ריכט מען תפילה אָפּ
צו גאָט.

אַלע ריידן
מיט די זעלבע רייד,
בלויז דער לשון
האָט פון יעדערן
אַן אַנדערן באַטייט;

זאָגן זיי דאָך,
אַז דער טאָג
איז אויך שוין
מער נישט ווערט, —
ס׳איז דאָך גאָר נישט
שווער —
צו ברענגען פונקען
פון דער פינצטערניש
אין אויג פון מיטן
העלן טאָג,
און דעם סוד פון
ווייגעשריי
צעשיטן אינעם צענטער
פון דער וועלט,
ווו דער פחד
האָט זיך אויסבאַהאַלטן
און מיטן פּנים זיינעם
אין אַ מאַסקע
זיך פאַרשטעלט.

אויף יענער ערד

יענע ערד,
וואָס האָט איינגעשלונגען
בלוט
פון א סך מיליאָנען,
האָט געשפּרייט א וועג
פאַרווילדע טריט
צו שפּרייזן
דורך דער סאַמע מיט
פון ליכטיקייט
און שפּריצן
איר אין האַרצן
בלוט
געצאַפּט פון יונגע ספּאַרטלער
לעבעדיקערהייט.

די ערד דאָ
האָט זיך נישט דערשראָקן.
בלומען בליען,
ביימער גרינען,

ווי נעכטן
אַזוי אַלץ
איז אויך היינט;
נאָר אין אונדזער לאַנד
האָבן קינדער,
טאַטעס און מאַמעס
ווידער אויפן קול
זיך הויך צעוויינט.

נאָכן מאָרד

איך בין נישט דאָ
איך בין נישט דאָרט,
איך בין אַ פויגל
אויף דער ערד
מיט די פליגל
אויפן דאַך;

קיינער הערט נישט
ווען איך וויין
אין די הימלען
פון דער נאַכט.

קומט אַ מלאך
מיר אַנטקעגן
ווישט ער מיר
די אויגן אויס;
פאַלט אַ טרער
אים אויפן קאָפּ
ווי אַן אַרבעס גרויס.

בויג איך זיך
טיף
צו כאַפּן די טרער
פון דער ערד —
שטעלט אַ קרומער שפּיגל
זיך אַנטקעגן
און דאָרטן
איז די וועלט צעהאַנגען
פּונקט פאַרקערט.